בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת ויגש

# דער כח פון זעהן

### פרנס השבוע

נתנדב ע"י
מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו
**לרגל הולדות בנו למז"ט**

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**אברהם חיים ב"ר דוב** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בכריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויגש

שנה ד'

# דער כח פון זעהן

## תוכן:

חלק א. זען דיינע קינדער - חלק ב. זען די וועלט - חלק ג. זען דעם באשעפער

## חלק א. זען דיינע קינדער

### א גוטע בשורה

ווען יעקב אבינו האט באקומען די ידיעה פון מצרים אז עוד יוסף חי, אז זיין זון יוסף לעבט נאך, איז ער געווארן אויפגעלעבט - ער איז געווען אויסער זיך פאר שמחה. "מיין זון לעבט?! נאך די אלע יארן וואס איך האב אים נישט געזען; דורכאויס די גאנצע צייט האב איך געמיינט אז ער איז טויט און יעצט זאגט איר מיר אז ער לעבט?!"

איז וואס האט יעקב געזאגט ווען ער האט געהערט די גוטע נייעס? אפשר האט ער געזאגט, "ברוך ה'. איך דאנק דיר באשעפער פון די טיפענישן פון מיין הארץ." אדער אפשר האט ער געזונגען צום באשעפער, "הודו לה' כי טוב! איך בין אזוי פרייליך, אזוי דאנקבאר צו דיר." זיכער האט ער דאס אויך געזאגט, אבער די איינציגסטע זאך וואס די תורה דערציילט אונז (בראשית מה:כח) איז, אז יעקב האט געזאגט: **אֵלְכָה וְאֶרְאֶנּוּ** - איך דארף גיין אים זען, **בְּטֶרֶם אָמוּת** - ווילאנג איך לעב. "איך וויל זען מיין זון," האט יעקב געזאגט.

אלזא, קען זיין עס וואונדערט אייך נישט אבער איך מיין אז דא ערוועקט זיך א שאלה. וואס איז אזוי וויכטיג ער זאל גיין זען יוסף? יעקב אבינו האט געהאט וויכטיגע ענינים אויפצוטון אויף די וועלט - ער האט געדארפט קונה זיין שלימות, דביקות, אהבת ה', יראת ה'. דאס לעבן איז צו קורץ צו פארשווענדן אויף רייזעס צו זען מענטשן! ער האט געמוזט גיין צו זען יוסף?! מיר האבן אלע ליב אונזערע קינדער, מיר האבן ליב צו זען אונזערע קינדער, אבער א צדיק וואס ווייסט אז ער געפינט זיך אויף די וועלט מיט א ציל פון קונה זיין שלימות, דארף ער איבערדרייען זיין לעבן צו זען זיין קינד?

יעקב דארף אצינד אראפגיין קיין מצרים?! ער דארף מוותר זיין פון זיך געפינען אין ארץ כנען, דאס לאנד וואו זיינע עלטערן האבן געוואוינט, דאס לאנד וואס איז אים געגעבן געווארן, און

אראפגיין קיין מצרים, א לאנד פון טומאה? עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט, מען שטייגט אויף אויף א באן און מ'זעצט זיך אוועק פאר עטליכע שעה און מ'איז דארט! עס איז געווען א לאנגע און שווערע נסיעה. ער וואלט געדארפט זאגן, "איך בין אזוי פרייליך אז ער לעבט! אָאָה, אַאַה! וואספארא גוטע נייעס! ברוך ה' אז ער לעבט! איך וועל שרייבן א בריוו צו אים."

## א באזוכער אין ווילנע

די פאלגנדע מעשה איז א זייער אומשטייגערליכע מעשה, אבער איך דארף עס אייך סייווי דערציילן. דער גר"א האט געהאט א שוועסטער וועמען ער האט נישט געהאט געזען פאר פיל יארן און אצינד איז זי אנגעקומען קיין ווילנא און איז אריבערגעגאנגען באזוכן איר ברודער: "אה, מיין ברודער! ס'איז שוין אריבער אזא לאנגע צייט!" דער גר"א האט ווארעם באגריסט זיין שוועסטער, ער האט גערעדט אפאר ווערטער מיט איר און דערנאך האט ער געזאגט, "אנטשולדיג מיר, איך מוז צוריקגיין לערנען," און ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיינע ספרים.

זי האט זיך געפילט עטוואס אפגעפאטשט. ער האט געזען א טרער אין אירע אויגן, האט ער געזאגט צו איר, "מיין שוועסטער, איך בעט דיר זיי נישט ברוגז. אויף יענער וועלט וועל איך האבן אסאך צייט צו זיצן און רעדן." דאס איז וואס דער ווילנער גאון האט געזאגט. אלזא, דערציילט נישט די מעשה פאר אנדערע מענטשן, ס'איז בלויז פאר אייך צו הערן; אנדערע וועלן עס אפשר נישט פארשטיין. אבער דא אין דעם פלאץ, ווייסן מיר אז גרויסע לייט לעבן פאר א צוועק און אז אלעס וואס זיי טוען איז געמאסטן און געוואויגן.

אודאי, דאס איז פאר דער גר"א; נעמט נישט פון דעם א ראי' פאר זיך - ווייל איר פארפאטשקעט סייווי אסאך צייט, איז אייער שוועסטער וועמען איר האט נישט געזען פאר צען יאר, קענט איר פארברענגען אביסל צייט צו רעדן אויך מיט איר. אבער פון גרויסע לייט; פון יעקב אבינו, פון דער ווילנער גאון, פון מענטשן אויף א הויכע מדריגה, ערווארטן מיר נישט זיי זאלן פארן צו אן אנדערע לאנד צו זען זייער קרוב.

אלזא פארשטייען מיר אז עס איז נישט געווען בלויז נייגעריגקייט: "עס זענען אריבער אזויפיל יארן; איך וויל זען ווי אזוי יוסף זעט יעצט אויס." יעקב אבינו איז געווען א צדיק מיט א פולשטענדיגע שליטה איבער זיינע מחשבות און געפילן - און אויב ער האט ער רעאגירט מיט אט די נאטורליכע נייגעריגקייט, אויב האט ער געענטפערט מיט א נאטורליכן באגער צו זען זיין זון, מוז זיין אז עס איז דא עפעס דערצו. און ער האט נישט בלויז רעאגירט דערצו - יעקב האט געמאכט א גרויסן עסק דערפון. "איך מוז אראפגיין זען יוסף פאר איך שטארב," האט יעקב געזאגט. און ווען ער האט אים געזען, האט ער געזאגט, "אה! **רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי** - איך האב זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז איך וועל נאך זען דיין פנים (שם. מח:יא). אזא זאך פאדערט אן ערקלערונג.

## די ערוועקונג דורך זען

און דער ענטפער איז אזוי: יעקב אבינו האט פארשטאנען דעם גרויסן כח פון זען זאכן אויף דער וועלט. ער האט געוואוסט אז די געוואלדיגע געפיל פון זען זיין באליבטער זון וועט ערוועקן

אין אים אן אויסערגעוועגליכע שמחה און הכרת הטוב צום באשעפער. אודאי, ער וואלט אזוי אויך געווען דאנקבאר צום באשעפער, אבער יעקב האט געוואלט מער ווי דאס. ער האט אלעמאל געזוכט וועגן און מיטלען צו ווערן מער באוואוסטזיניג צום באשעפער, און ער האט געוואוסט אז קיין שום זאך קען זיך נישט פארגלייכן צו די השפעה פון פאקטיש זען זיין זון - די טיפע הכרת הטוב און ליבשאפט צום באשעפער וואס וועט זיך ארויסגיסן פון זיין זעל וועט נישט האבן קיין פארגלייך!

איר זאלט נישט פארשטיין אומריכטיג דאס וואס איר הערט אצינד. בשעת איר זיצט ביי אייער שבת טיש און איר קוקט זיך ארום אויף די פנים'ער פון אייערע קינדער; קען זיין אז יעדער רעדט, עסט, אדער סיי וואס מ'טוט, זאלט איר געדענקען וואס מיר האבן דא געזאגט. איר קוקט אויף אייער קינד'ס פנים און איר טראכט, 'אה, וואספארא בא'חן'טע פנים! וואספארא הערליכע באלעבעניש איז דאס וואס דער באשעפער שענקט מיר! איך האב ליב דאס קינד! און אויך די קומענדיגע - אזוי בא'חן'ט, איך האב ליב דאס קינד! איך דאנק דיר באשעפער פאר דער מתנה!' איר האט אויסערגעוועגליך ליב יעדן איינעם באזונדער און דאס דארף דינען אלס ערוועקונג פון ליבשאפט צום באשעפער אלץ מער און מער.

עס מאכט דיר זייער פרייליך צו זען דיינע קינדער. אפילו אויב דיין קינד איז נישט א גדול בתורה, אבער ער פירט זיך בדרך הישר, ער איז א שומר תורה ומצוות, פארשאפט עס א געוואלדיגע שמחה צו זען זיין פנים. אויב דער באשעפער האט דיר געגעבן נארמאלע גוטע פרומע קינדער, דארפסטו זיין אזוי פרייליך, דו זאלסט הנאה האבן פון זיי. האב הנאה פון זיי און דאנק דעם באשעפער יעדע מאל וואס דו זעסט זיי. דו זאלסט הנאה האבן פון קוקן אויף דעם קינד'ס פנים און בשעת דו טוסט דאס זאלסטו טראכטן, 'איך טו דאס נישט בלויז ווייל איך וויל שעפן נחת, איך טו דאס ווייל איך וויל ליב האבן דעם באשעפער וואס האט מיר געשאנקען די געוואלדיגע איבערלעבעניש פון זען מיין קינד'ס פנים.

## מער ווי עולם הבא

לאמיר אייך דערציילן פון א טראגעדיע. איך בין אמאל געווען סנדק ביי א ברית, וואס דער קליין בעבי'ס טאטע איז אוועק פון דער וועלט איידער ער איז געבוירן געווארן. איך האב געוויינט בשעת איך בין געזעסן מיט'ן קינד אויף מיינע קניען. יעדער האט געוואונטשן, "מזל טוב, מזל טוב!" אבער איך האב געוויינט ווייל דער טאטע איז מער נישט געווען דא. און איך האב זיך געדארפט אוועקדרייען ווייל איך האב געוויינט. איך האב נישט געוואלט פארגיסן טרערן אויפ'ן קינד'ס פנים, דערפאר האב איך אוועקגעדרייט מיין פנים.

אויב דער טאטע וואלט געקענט זען דעם קינד פאר ער איז געשטארבן, וואס וואלט ער געגעבן דערפאר?! צו זען זיין קינד, זיין איינציג קינד. ער האט קיינמאל נישט געהאט אן אנדער קינד. ער איז געשטארבן איידער דער קינד איז געבוירן געווארן. אויב וואלט ער געקענט צוריקקומען און געבן איין בליק, בלויז איין בליק אויף זיין קינד'ס פנים, וואלט ער אויפגעגעבן דערפאר א גרויסן שטיק עולם הבא.

אלזא, מיינט נישט אז דאס איז נייגעריגקייט. כדי צו זען דיין קינד'ס פנים דארפסטו שפירן אז

עס איז ווערד אלעס אין דער וועלט. דו ביסט אזוי גליקליך אז דו האסט א קינד אויף וועמען צו קוקן. דאס קינד איז א טייל פון דיר. דיין קינד! דו ביסט אזוי פרייליך עס צו זען!

אלזא, יעקב האט פארשטאנען די דאזיגע געוואלדיגע געלעגנהייט צו ערוועקן די ליבשאפט צום באשעפער. יעקב האט פארשטאנען אז עס איז פארהאן א ספעציעלער אופן פון עבודה אויף דער וועלט פון ניצן די אויגן צו ווערן דערמאנט אין באשעפער און ער האט נישט געוואלט דערלייגן די דאזיגע געלעגנהייט. אודאי, בלויז צו הערן די נייעס איבער יוסף האט אים פארשאפט א גרויסע שמחה און הכרת הטוב צום באשעפער, אבער ער האט געוואלט לייגן זיינע אויגן אויף יוסף און הנאה האבן פון די מראה: "אה! דאס פנים פון מיין באליבטער זון!"

## זען מיט די נשמה

פארשטייען מיר אז דער צוועק פון זען איז צו מאכן אן איינדרוק אויף דיין נשמה.

לאמיר אייך עפעס זאגן. ווען איר זעט עפעס, שאפט איר א בילד און ס'ווערט איינגעקריצט אין אייער מח. וואס מיינט: איר וועט זיין איבערראשט, עס מיינט אז איר וועט קיינמאל נישט פארלירן דאס בילד. איר וועט פארגעסן דערפון, אבער ס'ליגט איינגעקריצט טיף אין די קעמערלעך פון אייער מח.

יעדע מינוט, בשעת דו קוקסט זיך ארום, דו קוקסט אויף די פנים'ער, כאפסטו אפ בילדער. און יעדע פנים בלייבט ליגן אין דיין מח אויף אייביג. דו קענסט עס קיינמאל נישט ארויסנעמען. אפילו אויב דו פארגעסט דערפון, איז עס באגראבן אין דיין מח. איך האב באגעגנט א מענטש - איך האב אים נישט געזען פאר פופציג יאר. ער זעט אויס פארנעפלט באקאנט. איך האב אים געפרעגט, "וואו האב איך דיר אמאל געזען?" איך האב אים נישט געזען פאר פופציג יאר! אן אמת'ע מעשה - אבער איך האב געוואוסט אז איך האב אים אמאל געזען. וואו איז ער געווען אין די פארגאנגענע פופציג יאר?

דער ענטפער איז, דאס בילד ליגט אין מיין מח. איך האב אמאל געזען די פנים, איז דאס בילד ארויסגעטאנצען צום פארענט. כ'האב געזען דאס בילד, פארגליכן צו אים - יא. אָאָה - אַאַה! דאס בילד איז אין דיין מח! ס'איז א פאקט. ס'איז א ווירקליכער וויסנשאפטליכער פאקט אז יעדע מינוט כאפן דיינע אויגן אפ בילדער און די בילדער פארבלייבן אין דיין מח אויף אייביג. דאס איז פארוואס מען דארף אכטונג געבן אויף וואס מ'קוקט.

## די פענסטערס פון די נשמה

די נארישע מענטשן וועלכע גייען צו די מאוויס און זעען מיסט, מעשיות וואס האבן קיינמאל נישט פאסירט און אויך נישט אזעלכע שיינע מעשיות, זיי כאפן אפ בילדער אין זייער מח. זיי פילן אן זייער מח מיט שמוץ. דער כוזרי זאגט דאס. דער כוזרי זאגט, וואס עס איז איינמאל אריין אין דיין מח, אפילו די נארישקייטן וואס דו האסט געזען אין דיין יוגנט, וועסטו קיינמאל נישט קענען פטור ווערן דערפון אלע טעג פון דיין לעבן.

דערפאר ווארנט ער אונז: זיי געווארענט מיט וואס עס גייט אריין אין דיין מח. די אויגן זענען פענסטערס פון די נשמה און האבן א געוואלדיגע השפעה אויף דיר. אויב דו קוקסט מיט דיינע

אויגן און דו זעסט די ריכטיגע זאכן, דאן וועט דיין נשמה געטוישט ווערן. און אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין פארוואס יעקב איז געפארן זען יוסף. בלויז צו זען יוסף מיט זיינע אויגן, האט געלוינט צו מאכן די נסיעה. דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד וואס יעקב לערנט אונז - די עבודה פון ניצן אונזערע אויגן צו ערוועקן אונזער נשמה. און אויב מיר פארשטייען עס ריכטיג, עפנט עס פאר אונז א נייער געוואלדיגער בליק אין עבודת ה'.

# חלק ב. זען די וועלט

## געטריישאפט איז נישט גענוג

איר ווייסט, פיל פרומע מענטשן זענען זייער געטריי צום באשעפער - אויסערגעוויינליך געטריי. זייער לעבן איז אנגעפילט מיט מצוות און תורה און זיי ערציען פאמיליעס פון עובדי ה' - ס'איז הערליך צו זען! זיי גלייבן אין באשעפער אזוי שטארק אז זיי וואלטן אפילו גרייט געווען דורכצוגיין רדיפות, צו גיין אין פייער אדער גע'הרג'ט ווערן דורך א שווערד אדער תליי פאר זייער אמונה אין באשעפער. ס'איז אן עם קדוש - א הייליגע פאלק. ס'איז נישטא נאך אזא פאלק ווי דאס אידישע פאלק.

אבער איך דארף אייך אצינד עפעס זאגן וואס וועט אייך איבערראשן. דער באשעפער זאגט, "ס'איז נישט גענוג." יא, ס'איז געטריישאפט, ס'איז וואונדערליכע געטריישאפט און איר וועט ווערן באלוינט דערפאר. דער באשעפער וועט דיר באלוינען דערפאר אן קיין סוף, נישטא קיין שאלה אין דעם. אבער מיר אלע האבן נאך א וויכטיגערן תפקיד ווי דאס אויף דער וועלט; וויכטיגער ווי געטריישאפט. מיר זענען דא צו ווערן באוואוסטזיניג צום באשעפער, צו שפירן דעם באשעפער. מיר דארפן נעמען די ידיעות וואס מיר האבן, אז דער באשעפער איז דער בורא יתברך וואס האט באשאפן און פירט די וועלט, און עס פארוואנדלען אין דעם געפיל אז עס איז פאקטיש אזוי, עפעס וואס מיר ווייסן באמת ווייל מיר האבן דאס געזען און מיטגעלעבט.

דאס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט - צו טרעפן וועגן און מיטלען פון נעמען די געוואלדיגעווארהייט פון מציאת ה' און עס מאכן מער עכט פאר אונז. און וואס יעקב אבינו לערנט אונז - "איך דארף גיין און אים זען" - איז דאס, אז איינע פון די וויכטיגסטע וועגן צו ווערן נאכאנאנד באוואוסטזיניג צום באשעפער, איז צו ניצן אונזערע אויגן אויף דער וועלט.

## די וועלט איז אויף צו זען

**וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - דער באשעפער האט אזוי געמאכט, אז מענטשן זאלן לערנען יראת ה' (קהלת ג:יד). וואס האט ער געמאכט? אלעס! און פארוואס האט ער עס געמאכט? כדי מיר זאלן ווערן באוואוסטזיניג צו אים. יראה מיינט צו זיין באוואוסטזיניג צום באשעפער און שלמה המלך זאגט אונז דא אז יראת ה' געפינט זיך איבעראל אין דער וועלט - אבער ס'איז מיט איין תנאי: דו דארפסט ניצן דיינע אויגן עס צו זען!

ס'איז א גרויסער שאד אז מענטשן גייען אדורך די וועלט מיט זייערע אויגן פארמאכט. יעדע נאטורליכע זאך איז באשאפן געווארן מיט דעם צוועק פון יראת ה' - ס'איז נישטא קיין אנדערער צוועק פון שמים וארץ אויסער אונז צו געבן די געוואלדיגע מתנה פון ווערן באוואוסטזיניג צום באשעפער. נישט בלויז צו פארדינען אונזער הסכמה, אז מיר זאלן זאגן, "יא, מיר זענען מודה - דער באשעפער האט געמאכט די וועלט." ניין; דאס האסטו שוין געוואוסט פון ווען דו האסט אנגעהויבן לערנען חומש. "**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים**" - דו האסט עס גלייך מקבל געווען אין עלטער פון פינף אדער זעקס יאר אלט און זינט דאן האסטו קיינמאל נישט געטראכט איבער די נושא. דו ביסט שוין א מאמין, איז טראכסטו אז דו ביסט פארטיג! אבער דאס איז א גרויסער שאד. ווייל **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** איז אן ענין וואס דו וואלטסט געדארפט לערנען דורכאויס דיין גאנץ לעבן.

אויב מיר שטרעבן צו ערפילן אונזער תפקיד דא, דארפן מיר עפענען אונזערע אויגן און די סצענעס הייבן אונז אן ארומנעמען. זיי זענען אזוי אומצאליג, אז עס איז נישטא קיין ליידיגער פלאץ אין דער וועלט. **מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ הַשֵּׁם כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ** - ווי פיל זענען דיינע ווערק, באשעפער, און אלע פון זיי האסטו געמאכט מיט חכמה (תהלים קד:כד).

## אמונה פשוטה

און דער וועג צו קונה זיין באוואוסטזיניגקייט איז דורך קוקן! ווען איר נעמט די צייט צו קוקן אויף זאכן אין דער וועלט, אזוי צוביסלעך, צוביסלעך, ביסטו קונה א באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער אין צוגאב צו דיין אמונה פשוטה. אמונה פשוטה איז זייער גוט. ס'איז געוואלדיג אויב דו האסט אמונה פשוטה וואס מ'האט דיר איינגעבאקן אין דיין יוגנט - זייער גוט, זייער גוט! אבער ס'איז נישט גענוג!

איך האב דא אמאל איבערגעגעבן א משל. לאמיר זאגן, משה רבינו האט אויסגערופן צו כלל ישראל, "לאמיר אלע גיין יעצט צום הר סיני צו זען ווי דער באשעפער קומט אראפ אויפ'ן בארג און געבט אונז די תורה." און אט איז איין איד וואס זאגט, "איך האב אמונה פשוטה. איך דארף נישט גיין. דו גיי און דערצייל מיר און איך וועל דיר גלייבן. ווען דו קומסט צוריק, זאג מיר וואס עס האט פאסירט און איך וועל מקבל זיין." אה ניין! דו דערלייגסט א געלעגנהייט. דו דארפסט קומען און עס זען אליין! **אִלּוּ קֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר סִינַי וְלֹא נָתַן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה, דַּיֵּנוּ**. זען איז עפעס אנדערש אינגאנצן! בלויז צו זיין דארט און זען מיט דיינע אויגן געבט דיר אמונה.

אט איז א פרומער איד וואס האט אמונה פשוטה, זאגן מיר צו אים, "עס איז נישט גענוג! בעסער גיי ארויס אין דער וועלט מיט אפענע אויגן און זיי קונה אביסל מער אמונה ווי פשוטה." און דער חובת הלבבות לערנט אונז אין שער הבחינה אז דער בעסטער וועג דאס צו טון איז דורך זיך איינקוקן אין די בריאה.

## זען די בריאה

למעשה, איך ווייס אז מערסטנס מענטשן וועלן נישט טון וואס איך זאג. ס'איז א נושא וואס ווערט ליידער כמעט גענצליך איגנארירט דורך דער פרומער וועלט. איר גייט צוריק אין ישיבה

און איר זאגט, "נו, דאס איז נישט אזוי וויכטיג. ס'איז פארצייטישער מוסר, ס'איז ארויס פון די מאדע." חובת הלבבות, שער הבחינה, איז ארויס פון די מאדע?!

איר דארפט וויסן אז נישט נאר דער חובת הלבבות זאגט עס. ס'איז א רמב"ם (יסודי התורה ב:ב), ער שרייבט: **וְהֵיאַךְ הִיא הַדֶּרֶךְ לְאַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ** - וואס איז דער וועג אנצוקומען צו באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער און ליב האבן דעם באשעפער? אה, דאס איז א גרויסע שאלה, זייער א וויכטיגע שאלה! זאגט ער, אז ווען דו קוקסט זיך ארום אין דער וועלט אויף די **מַעֲשָׂיו וּבְרוּאָיו הַנִּפְלָאִים הַגְּדוֹלִים**, אויף די גרויסע און וואונדערליכע באשאפונגען וואס ער האט געמאכט אין דער וועלט, און דו ביסט זיך מתבונן - מתבונן מיינט אז דו זעסט עס און דו טראכסט פון די וואונדערליכע זאכן וואס דו זעסט, דאן וועט זיכער אריינקומען אין דיר א געוואלדיגער פחד און ליבשאפט צום באשעפער. דאס זענען די רייד פון דער רמב"ם; ער זאגט "זיכער". אויב פאלגסטו נאך דעם וועג אין לעבן דאן וועט עס אויסדריקליך ברענגען רעזולטאטן - דער רמב"ם איז עס מבטיח.

"אלעס אין דער וועלט," זאגט דער רמב"ם, "האט אין זיך א **חָכְמָה עֲמֻקָּה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ** - א טיפע חכמה אן קיין סוף צו איר טיפקייט." יעדע נאטורליכע זאך איז פול מיט חכמה פון באשעפער אן קיין סוף דערצו. און מיט וועלכן צוועק? עס פראבירט דיר צו וויזן עפעס; עס וויל דיר מאכן באקאנט די גרויסקייט פון באשעפער. און דערפאר, איינמאל דו הייבסט אן קוקן וועסטו טראכטן, 'ווער קען פאבריצירן אזא וואונדערליכע זאך? בלויז דער נצחיות'דיגער פאבריצירער, נאר דער באשעפער קען דאס טון.' און דו וועסט זען דעם באשעפער סיי וואו דו עפנסט דיינע אויגן - דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט אונז.

אלזא, דער רמב"ם איז נישט א דרשן. מיר קענען זיך פארלאזן אויף זיינע רייד - ער ווייסט וואס ער רעדט. קען זיין איר גלייבט נישט אין חובת הלבבות - אפשר איז ער צו פרום פאר אייך... - אבער דער רמב"ם, קענט איר זיכער צוהערן. אין אלע ישיבות לערנט מען רמב"ם. און אויב דער רמב"ם זאגט אז דאס איז דער וועג, איז דאס דער וועג!

## א דוגמה פון די וועלט

אצינד, די נושא איז אזוי ברייט ווי די וועלט; עס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. אבער ס'איז אונזער פליכט צו נעמען אפאר ביישפילן, אנכאפן וואס עס קומט אין געדאנק, כדי מיר זאלן בעסער פארשטיין פון וואס מיר רעדן. אבער מיר מוזן וויסן אז דורך געבן די ביישפילן, טוען מיר אייגנטליך פארמינערן אין דעם ענין. מיר מוזן געבן עטליכע ביישפילן, אבער מיר מוזן אויך וויסן אז די נושא איז אזוי בריטפארצווייגט, אז ס'איז ווי איינער זאל זאגן, "געב מיר א דוגמה פון די וועלט," איז הייבסטו אויף אן אנגעפילטע האנט מיט אייז פון די גאס און דו זאגסט, "אט האסטו א ביישפיל פון די וועלט." ס'איז א ביישפיל, אבער ס'געבט זייער א קליינער באגריף איבער וואס די וועלט איז באמת. אבער לאמיר זאגן איינער האט קיינמאל גארנישט געזען אין דער וועלט, ער האט קיינמאל נישט געעפנט זיינע אויגן, איז לאזט אים כאטש זען א שטיקל אייז - עפעס זאל ער זען!

און אזוי וועלן מיר געבן אפאר אייגענע ארעמע ביישפילן; ס'איז א טראפ אין ים אבער כאטש

איז עס עפעס - און איר וועט לערנען א קליין ביסל ווי אזוי צו ניצן אייערע אויגן. און איינמאל איר לערנט זיך צו האלטן אייערע אויגן אפן אין דער וועלט - אפן צו די אלע חכמת ה' - הייבט איר שוין אן צו ערפילן אייער תפקיד פון ניצן אייערע אויגן צו זען דעם באשעפער אויף דער וועלט.

## לערנען פון דעם בלעטל

לאמיר זאגן דו שפאנסט אין הערבסט אויפ'ן גאס און דו אטעמסט אריין די דערפרישנדע לופט פון הערבסט בשעת דיינע פיס קלעטערן דורך די בלעטער - דו שטויסט די בלעטער אויפ'ן טראטואר. איז עס נישט געשמאק? איז טראכסטו, 'צי האט נישט הרב מיללער געזאגט אז איך זאל נישט פארפאטשקען די געלעגנהייט?' איז קוקסטו זיך ארום אויף די הערליכע קאלירן פון די בלעטער און דו טראכסט אז יעדע בלעטל וואס פאלט אראפ פון בוים איז א נס. פארוואס איז עס געפאלן? דו טראכסט אז דאס בלעטל איז געווארן מיד און איז ענדליך אראפגעפאלן? ווען א בלעטל פאלט אראפ פון א בוים איז עס א נס. אבסקיציע צעלן אנטוויקלען זיךביים עק פונעם שטאם וואו ס'איז באהאפטן צום צווייגל און די צעלן ערפילן א וויכטיגע אפגאבע פון אפשניידן דאס בלעטל פונעם צווייג. ווען עס פאלט, איז עס א וואונדער! א וואונדער פון א קאמפליצירטע פונקטליכקייט! איינער האט דאס געמוזט אויספלאנירן, צי טראכט איר נישט אזוי? און אט אזוי טראכסטו שוין פון באשעפער! אנשטאט בלויז פארבייגיין און טראכטן פונעם וועטער, און די נייעס, טוסטו שוין עפעס צוועקפול אויף דער וועלט, דו טראכסט פון באשעפער!

אבער שטעל זיך נישט אפ דארט! איינמאל דו הייבסט אן זען דעם באשעפער אין דער וועלט, לאז נישט לויפן! האלט זיך אן דערין מיט אומפעט! הייב אויף דאס בלעטל און שעץ עס מיט דיינע אויגן. א בלעטל איז א מערקווירדיגער קאמפליצירטער טייל פון א גאנצער מאשין. איך זאג א "מאשין" - איין בלעטל איז א גאנצע גאס מיט פאבריקן! עס אטעמט אריין קוילן-שטאף (קארבאן דיאקסייד) און פייכטקייט פון די לופט. אויך זונען שיין! עס נעמט אריין די זונען שיין; און דאן נעמט עס די אלע זאכן און קנעט עס צוזאם, און עס פאבריצירט אלע מאטריאלן וואס דער בוים דארף האבן.

## א צייכן פון באשעפער

טראכט איבער דעם בשעת דו קוקסט אויף דאס בלעטל. דאס בלעטל מאכט מאטריאלן, און דאס בלעטל שיקט די זאפטיגע מאטריאלן דורך קליינע פיצעלע רערן צום שטאם פונעם בלעטל און צום צווייג פונעם בוים. עס גייט אריין אינעם שטאם און עס ווערט האלץ. עס ווערט אויך וואַרצלען. עס ווערן בלעטער נאכאמאל און מיט די צייט מאכט עס בלומעלעך מיט זאפט צו צוציען די בינען כדי צו באשטויבן די געוואוקסן און דאן וואקסן ארויס פרוכט. דאס איז די ארבעט פונעם בלעטל.

שטעל זיך נישט אפ יעצט! האלט אפן דיינע אויגן. דו זעסט אז דאס בלעטל איז זייער דין; עס איז אויסגעשפרייט צו באדעקן וואס א גרעסערן ארט עס איז נאר מעגליך. אויב נעמסטו אלע בלעטער פון איין בוים, וועט עס באדעקן א גאנצע שטאטישע גאס! שטעל זיך פאר, אן אטעמען

ארט אין פארבינדונג מיט לופט פון א גאנצע שטאטישער גאס. איין בוים! און יעדעס בלעטל טוט אן אויסערגעווענליכע ארבעט פון אריינעמען די מאטריאלן פון די לופט.

דאס איז פארוואס געוויסע בלעטלעך האבן אן אומגעווענליכער פארעם. זיי זענען נישט רינדעכיג און גלאט. פארוואס זענען זיי אומגעווענליך? פארוואס איז עס אריין און ארויס? ווייל דער עק פונעם בלעטל האט לעכער דערין וואו עס אטעמט אריין און ארויס און ווען עס איז אן אומגעווענליכער פארעם ביי א בלעטל, מיינט עס אז ס'זענען דא מער מעגליכקייטן פאר די פונקציע. איינמאל דו הייבסט אן צו באטראכטן איין בלעטל וועסטו זען מיט דיינע אייגענע אויגן דעם באשעפער אין דער וועלט.

און ווען דו טוסט דאס, איז דורך דער מיטל פון דיינע אויגן, גייען די אלע געדאנקען אריין אין דיין קאפ און דו ווערסט א נייער מענטש. ווען דו קוקסט אויף די מעשי ידיו של הקדוש ברוך הוא, מיט דער כוונה פון זען דעם באשעפער, דאן ווי מער און מער דו קוקסט, אלץ מער ווערסטו איבערראשט דערפון. און דו זאלסט האלטן אין איין קוקן פאר די קומענדיגע פופציג יאר. יא, פופציג יאר באטראכטן די בלעטלעך! ווער נישט מיד דערפון. דו וועסט זיין איבערראשט. יעדע מאל וואס דו קוקסט, וועסטו זען אלץ מער און מער. און נאך א שטיק צייט, ווערט דאס זען א בלעטל א צייכן צום באשעפער'ס אנוועזנהייט אין דער וועלט - עס ארבעט איבער דיין נשמה און דו ווערסט א ירא שמים, איינער וואס לעבט מיט א נאכאנאנדע באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

# חלק ג. זען דעם באשעפער

## פארבייגיין א בעקריי

און אזוי לערנען מיר אצינד אז די וועלט איז געמאכט געווארן צו געזען ווערן. דאס איז פארוואס דו גייסט אויפ'ן גאס. צי וואס דארפן מיר געשעפטן? צו גיין שאפינג?! ווער דארף דען שאפינג?! לייג צו קאפ אצינד צו לערנען ווי אזוי צו ניצן די געשעפטן וואס דו גייסט פארביי אויפ'ן גאס; לאמיר זאגן דו גייסט פארביי א בעקריי. דו קוקסט אריין דורכ'ן פענסטער און דו זעסט גאנצע ברויט. געב נישט בלויז א שנעלער קוק און געגאנגען ווייטער. שטעל זיך אפ און קוק. זאג, "איז דאס נישט וואונדערבאר? פון וואו איז די ברויט געקומען? **המוציא לחם מן הארץ**. זאג עס מיט דיין מויל. ס'איז א נס - ברויט איז א נס! קיינער קען נישט מאכן ברויט פון גארנישט. די כעמיסטן קענען נישט מאכן ברויט. המוציא - ער איז דער איינציגסטער וואס קען ארויסברענגען ברויט פון דער ערד!

אלזא קוקסטו דורכ'ן פענסטער און דו טראכסט די געדאנקען. יעצט, אודאי ביסטו צו א נארמאלער מענטש און צו קלוג אויף צו טון אזוי... מיר רעדן פון מענטשן - מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך - וואס ווילן עפעס מאכן פון זיך. איז גייסטו פארביי א פענסטער און דו שטעלסט זיך אפ צו קוקן.

לאמיר זאגן דו זעסט שאקאלאד קוכנס דורכ'ן פענסטער - נאך בעסער. שאקאלאד קוכן! פון

וואו איז דער גאנצער דאזיגער תענוג געקומען? ס'איז א דעליקאטעסן! טעמים פון שאקאלאד! ס'איז אלעס ניסים. קיינער קען עס נישט מאכן! נאר דער באשעפער! **בורא** - ער איז דער וואס באשאפט, **מיני מזונות**, די אלע קוכנס און קיכעלעך. און דאס זענען דיינע געדאנקען בשעת דו קוקסט דורך דעם פענסטער אויף די שאקאלאד קוכן.

יארן צוריק פלעג איךווארטן אויף א באס ביי א געוויסער ווינקל פון גאס וואס דארט איז געווען אן איטאליענישע בעקעריי. און איך פלעג שטיין דארט און קוקן דורכ'ן פענסטער בשעת איך האב געווארט אויפ'ן באס. איך האב געזען צוואנציג סארטן ברויט - אלע סארטן ברויט, פארשידנארטיגע פארעמס און מאסן. און איך האב זיי באטראכט. ס'איז געווען שטוינענד! אודאי, איך האב נישט געקענט עסן זייערע ברויט אבער ס'איז געווען שטוינענד צו זען וואספארא אפעטיטליכע זאך ברויט איז. וואספארא שטוינענדע סצענע! איך האב געקוקט אויף די ברויטן און איך האב זיך מתבונן געווען. און איך האב עס געטון פאר א לאנגע צייט ווייל איך האב יעדן טאג געדארפט ווארטן ביי דעם ווינקל פאר א באס. ס'איז געווען א חינוך פאר מיר. אויב דו גייסט פארביי אזא פענסטער, זאלסטו עס אויסניצן.

## א פרוכט געשעפט

און יעצט גייסטו ווייטער, און אראפ די גאס געפינט זיך א פרוכט געשעפט. אלזא, אויב וועסטו זיך נישט באמיען צו ניצן דיינע אויגן וועסטו גארנישט זען. ס'זענען דא קעסטלעך מיט פרוכט, דאס אלעס. אבער אויב דו עפנסט דיינע אויגן וועסטו זען אז **וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - דער באשעפער האט עס געמאכט פאר א צוועק! אהה, פרוכט! רויטע פרוכט, גאלדענע פרוכט, פורפל פרוכט, גרינע פרוכט, געלע פרוכט. געב א קוק אינעווייניג דורכ'ן פענסטער און דו וועסט זען אן אויפגעשניטענע מעלאנע מיט א טיף רויטן פלייש. אזעלכע הערליכע קאלירן - פון וואו זענען זיי געקומען? ווי אזוי האט עס פאסירט.

נעם דיין צייט, גיי שטאטעלעך ווייטער און קוק אויף א מאראנץ. זע ווי הערליך עס איז! דו קענסט טראכטן אז ס'איז פון וואקס אדער פלאסטישע פרוכט וואס מ'קען אויפהענגען אין די סוכה. אזעלכע הערליכע קאלירן קענען פשוט נישט זיין נאטורליך. דער ענטפער איז, זיי זענען נישט נאטורליך. זיי זענען געמאכט געווארן דורך א פאבריצירער. דער פאבריצירער האט זיכער געמאכט אריינצולייגן אזא הערליכע פארב וואס האט געמאכט דעם פרוכט אזוי געשמאק צו די פאנטאזיע. ס'איז אסאך געשמאקער צו עסן א מאראנץ וואס איז אזוי הערליך קאלירט. דו ווייסטו דאס נישט? לאמיר זאגן די מאראנצן וואלטן געווען דעם קאליר פון קארטאפל. עס וועלט נישט געווען אזוי אינטערעסאנט אפילו אויב עס וואלט געהאט דעם זעלבן טעם.

ביי אונזער שיעור האט מיט יארן צוריק א יונגערמאן געפרעגט, "קענט איר אויפווייזן אז עס איז דא א באשעפער?" האב איך געענטפערט, "יא. איך וועל עס שוין טון." און איך האב געזאגט, "פארוואס איז די שאלעכץ פון א מאראנץ אזוי הערליך קאלירט פון אינדרויסן, אבער אויפ'ן פארקערטן זייט פונעם שאלעכץ האט עס בכלל נישט קיין קאליר?" אצינד, נעמט דאס ערנסט. וואס איר הערט דא איז א יסודות'דיגע שאלה. און עס איז נישט פארהאן קיין שום וויסנשאפטלער אין די וועלט וואס קען דאס פארענטפערן. פארוואס איז עס, אז די הערליך

קאלירטע פרוכט זענען קאלירט נאר פון אינדרויסן, אבער אויף דעם פארקערטן זייט פון די שאלעכץ האט עס נישט קיין קאליר? צי ווייזט עס נישט אז דער צוועק פונעם קאליר איז אז עס זאל געזען ווערן?

## דער מאראנצן בוים

צי האט איר אמאל געזען א מאראנצן בוים? די הערליכע שיינענדע מאראנצן שטייען ארויס פון צווישן די גרינע בלעטער ווי לייכט-טורעמס, ווי טראפיק לאמפן און זיי רופן, "קומט און נעמט מיר!" איז מיינט דאס אז עס איז דא א חכמה, א באשעפער, וואס שטעלט דיר צו א מאראנץ און ער זאגט, "מיין טייערע, נעם א מאראנץ און האב הנאה דערפון." און פארוואס איז דאס אז דורכאויס די אלע חדשים וואס דער מאראנץ איז געווען גרין, האט זיך עס אנגעהאלטן נישט אראפצופאלן פון בוים? עס האט זיך מיט עקשנות אנגעהאלטן צום בוים. דו וואלטסט געקענט שאקלען דעם בוים, אבער דער מאראנץ וואלט נישט אראפגעפאלן. און וויבאלד עס ווערט רייף און עס רופט אויס זיין רייפקייט דורך זיין קאליר, פאלט עס גערן אראפ פון זיך אליין. איז דאס נישט א נס?

שטעל זיך אפ א מינוט און קוק אויף דעם מאראנץ שאלעכץ. נישט נאר וואס עס איז גאלד-געל פון אינדרויסן, עס איז אויך שיינעדיג. און אויף דעם אנדערן זייט, אינעווייניג פון דער שאלעכץ, איז עס נישט גלאנציג אדער אפילו קאלירט. פארוואס איז דאס? איז דאס א צופאל? פארוואס זאל פון אינעווייניג נישט זיין הערליך קאלירט און האבן א גלאנץ? און דער דרויסנדיגער זייט זאל זיין ווייס און פוכיג. ווי אזוי פאסירט דאס? דארפסט געבן א קוק אויף דעם מאראנץ שאלעכץ און זיך פרעגן די שאלות.

דער ענטפער איז, אז דער באשעפער וויל דו זאלסט זען מיט דיינע אויגן דעם פלאן און ציל. ער וויל דו זאלסט צולייגן קאפ צו דעם מאראנץ שאלעכץ. דער שאלעכץ דארף באשיצן דעם מאראנץ, דערפאר איז אינדרויסן באדעקט מיט א זייער דינער שיכט פון נאטורליכער פלאסטיק וואס מאכט עס גליטשיג, אזוי אז אפילו קליינע בייסיגע שרצים קענען נישט אריינבייסן דערין. דאס איז פארוואס עס מאכט זיך זעלטן אז א שרץ זאל אריינבייסן אין א מאראנץ. דער מאראנץ איז באדעקט מיט א פלאסטיק, א נאטורליכער פלאסטיק.

## פרוכט קערעלעך

עס זענען דא אזויפיל זאכן וואס דו קענסט וויסן אויב נאר דו וועסט קוקן. איז לאמיר זיך אנהאלטן צו דעם און לעבן דערמיט ביז עס זינקט אריין אין אונז! אויב דו גייסט פארביי א פרוכט געשעפט זאלסטו זיך אפשטעלן - עס לוינט זיך אפצושטעלן און קוקן. לאמיר זאגן אז דו מאכסט עס פאר א פרינציפ אז יעדע מאל דו גייסט פארביי א פרוכט געשעפט, בלי נדר, וועסטו זיך אפשטעלן פאר א האלבע מינוט - יעדע פרוכט געשעפט, פאר דרייסיג סעקונדעס - און דו וועסט אנערקענען אין די ווערק פון באשעפער. ס'איז א שטוינענדע אויסשטעלונג! לערן צו ווערן איבערגענומען איבער דעם אויסשטעל וואס דער באשעפער באווייזט פאר דיר ווייל עס איז אהערגעשטעלט געווארן בלויז צוליב דעם! **אֱלֹקִים עָשָׂה** - דער באשעפער האט געמאכט

פרוכט געשעפטן מיט דעם ציל! ווען דו זעסט א שיינענד קאליטער מאראנץ אין א פרוכט געשעפט, איז עס א לערע אויף אמונה. אין פרוכט איז גענוג דיר צו לערנען גענוג יראת ה' וואס זאל אנהאלטן א גאנץ לעבן!

און יעדע איינע האט קערעלעך אינעווייניג. פאריגע וואך האב איך געהאט א שמועס מיט א פרוכט פארקויפער. איך האב אים געפרעגט, "ווי אזוי זענען די קערעלעך אנגעקומען אינעווייניג אין דעם פרוכט?" ער האט מיר אנגעקוקט ווי איך בין אראפגעפאלן פון די לבנה. האב איך אים געפרעגט, "צי האסטו אמאל געטראפן א פרוכט מיט א ניקל מטבע דערין?" זאגט ער מיר אז דאס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט. ער פארקויפט פרוכט אויף קינגס הייוועי שוין דרייסיג יאר צייט און ער האט נאך קיינמאל נישט געטראפן א ניקל אין א פרוכט. האב איך אים געפרעגט, "אויב ווערסטו טרעפן א ניקל אין אן עפל וועסטו טראכטן אז א מענטש האט עס אריינגעלייגט דארט?" האט ער געענטפערט, "יא, איך וואלט געוואוסט אז איינער האט עס אריינגעלייגט דארט." און דו טרעפסט א קערל אינעווייניג אינעם עפל - א קערל איז טויזנט מאל מער קאמפליצירט ווי א ניקל!

## מער ווערדפול ווי דיאמאנטן

דער קערל דערין האט מיליאנען דעטאלן פון אינפארמאציע אויף ווי אזוי צו פארעמען א בוים - און עס האט אויך מאשינעריע עס צו טון! "אויב וועט איר מיר איינפלאנצן אין די ערד," זאגט דאס קערל, "וועל איך פארעמען א מאראנצן בוים. פון וואס? פון לופט און וואסער און זונען-שיין! די מאראנצן בוים וועט האבןווארצלען. עס וועט האבן א שטאם. עס וועט האבן צווייגן. עס וועט האבן בלעטלעך. עס וועט האבן פיל מאראנצן שפראצונגען און עס וועט ארויסגעבן מאראנצן מיט קערעלעך דערין פונקט ווי מיך."

און די אלע דעטאלן ליגן באהאלטן אין דעם קליינעם מאראנץ קערל. דערפאר איז א גוטער געדאנק צו האבן צומאל א מאראנץ קערל אין דיין טאש. טראג עס ארום מיט דיר. איך טו דאס. איך טראג עס מיט מיר. איך נעם עס צומאל ארויס אינמיטן גאס און איך קוק דערויף. אהה! קוק אויפ'ן נס. ס'איז טייערער פון סיי וואספארא דיאמאנט וואס דו קענסט טרעפן, ווייל קיין שום דיאמאנט איז נישט אזוי טייער ווי די לערע אז די וועלט איז געמאכט געווארן דורך א גרויסן פלאנירער.

## א באזוך אין א מאלעריי אויסשטעלונג

אלזא, איך זאג אייך בלויז אפאר ביישפילן ווייל איר קענט נישט דא פארבלייבן א גאנצע נאכט, און איך ווער נישט באצאלט פאר איבערשטונדן. אבער עס זענען דא נאך פיל מער גוטע זאכן וואס איר קענט זען אין גאס. איר גייט אין גאס אמאל, נישט אזוי? עס קאסט נישט קיין געלט; עס נעמט אויך נישט צופיל צייט און די געלעגנהייטן זענען אזוי ענדלאז ווי די וועלט.

די בילדער געפינען זיך ארום אונז און ס'איז נישט דעם באשעפער'ס שולד אויב מענטשן איגנארירן עס. אויב איינער ברענגט דיר צו א בילדער אויסשטעלונג - איך ראט נישט מ'זאל גיין צו בילדער אויסשטעלונגען, בפרט היינט צוטאגס - אבער לאמיר זאגן איינער ברענגט דיר אהין,

אבער דו נעמסט ארויס א טאשטיכל פון דיין טאש און באדעקסט דיינע אויגן דערמיט. און אצינד שפאנסטו אדורך די קארידארן, וואס אויף ביידע זייטן זענען אויסגעשטעלט טייערע מאלערייען, אבער דו זעסט גארנישט. ס'איז קיינעם'ס שולד, נאר דיין אייגענע. צי אראפ דאס טאשטיכל און דו וועסט אלעס זען.

די וועלט איז פול מיט בילדער! אויף אלע זייטן האבן מיר לעבעדיגע בילדער און יעדע איינע איז געגנוג מאכטפול צו מאכן א לאנג טערמיניגער איינדרוק אויף אונז, צו מאכן נייע מענטשן פון אונז. גלייבט מיר, עס לוינט פאר אלע פון אייך צו נעמען אין באטראכט אזא צוגאנג. איר זאלט נעמען ערנסט מיינע ווערטער ווייל איינמאל עס ווערט ביי אייך א געוואוינהייט, האט איר זיך ארויסגעלאזט אויף א נייער וועג אין לעבן, א געוואלדיגער וועג פון ניצן אייערע אויגן. און איינמאל איר לאזט זיך ארויס אויף דעם וועג, איז דאס א לייטער צו גרויסקייט.

## די ברכה פון די אויגן

זען איז איינע פון די געשמאקסטע זאכן אין לעבן. ס'איז א תענוג צו קענען עפענען דיינע אויגן און זען וואס טוט זיך ארום דיר. כאפ א בליק אריין אינעם אויגן דאקטער'ס אפיס און דו וועסט זען מענטשן ווארטן דארט מיט באנדאזשן וואס באדעקן זייערע אויגן. מיט אלע סארטן אויגן שוואכקייטן. דער דארף אדורכגיין די סארט אפעראציע און דער אנדערער דארף אן אנדערע סארט אפעראציע.

אבער די גרעסטע ברכה פון האבן אויגן איז די געלעגנהייט זיי צו ניצן צו זען די מעשי ידיו פון באשעפער. איר קענט זען זיין בלויע הימל, זיינע רויטע עפל, זיינע קאלירפולע בלעטער און זיינע מאראנצן קערעלעך. איר קענט זען זיין שניי און זיין רעגן בשעת עס נידערט אראפ. אלעס געהער צו אים.

און ס'איז אלעס פאר איין צוועק: **כֻּלּוֹ אוֹמֵר כָּבוֹד** - די גאנצע וועלט געבט כבוד פאר'ן באשעפער. און ווי מער מיר אנערקענען אין אים, דאס איז אונזער הצלחה אויף דער וועלט. ווען מיר וועלן ארויפקומען אויף יענער וועלט וועלן מיר געפרעגט ווערן, "וואס האסטו מיטגעברענגט מיט דיר? וויפיל פעק האסטו געברענגט פון דיין אויפהאלטונג אויף דער וועלט?" און דערפאר איז אונזער צוועק אויף דער וועלט צו אנפילן אונזער לעבן מיט ווי מער פעק עס איז מעגליך - און די בעסטע געפעק וואס דו קענסט מיטברענגען מיט דיר צום עולם הבא איז א מח וואס האט שטענדיג געטראכט פון באשעפער.

און דערפאר זאגן מיר פאר אלעמען, "וועקט אייך אויף און עפנט אייערע אויגן! עס ווארט אייך אפ אן אויפגאבע פון גרויסקייט - אן אויפגאבע פון זען דעם באשעפער." און דאן, ווען דו וועסט ארויפקומען אויף יענער וועלט, וועסטו זיך קענען גרויסן מיט דיין געוואלדיגער ביזנעס וואס דו האסט געמאכט אין עולם הזה. פאר א קליין ביסל אנשטרענגונג האסטו קונה געווען גרויסקייט! דו וועסט זיין איבערראשט אויף וויפיל געלעגנהייטן דו קענסט טרעפן דורכאויס דיין לעבן דאס צו טון - די גאנצע בריאה זאגט עדות אויפ'ן באשעפער. **יוֹדוּךָ הַשֵּׁם כָּל מַעֲשֶׂיךָ, כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ** - אלע דיינע ווערק רעדן פון דעם כבוד פון דיין קעניגרייך. אלעס לויבט דעם באשעפער, נאר כדי עס צו זען דארפן מיר עפענען אונזערע אויגן.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**דער רב האט היינט נאכט געזאגט אז דער אותו האיש ימ״ש איז אייגנטליך געווען א פרומער איד און עס זענען נאר געווען די שפעטערע קריסטן וואס האבן געשאפן א נייע רעליגיע. אויב אזוי דאן פארוואס ווערט ער אנגערופן אין די גמרא א מסית?**

### תשובה:

יאשקע איז באטראכט געווארן אלס א מסית ווייל ער האט געשפעט פון די חכמים און ער האט צוגערעדט אויך אנדערע צו חוזק מאכן פון די חכמים. יעדער וואס שפעט פון די תורה מנהיגים איז חייב מיתה. מיר ווייסן אז ״כל העובר על דברי חכמים חייב מיתה — אויב איינער איז עובר אויף די רייד פון די חכמים, קומט אים טויט שטראף״ (ברכות ד:). די חכמי התורה זענען די ליכט פון אונזערע אויגן. זיי זענען די עיני העדה, די אויגן פון אונזער פאלק, און אן ערליכער איד באטראכט די וועלט דורך זייערע אויגן. און אויב א מענטש אין די גאס גייט ארום מיט אפאר ליידיגגייערס וואס פאלגן אים נאך, און ער מאכט וויצן קעגן די חכמים, און ער שפעט פון זיי און מוטיגט אנדערע צו שפעטן פון זיי, דאן האט ער פארלוירן דעם רעכט צו עקזיסטירן. דאס איז א מסית.

אבער דער אותו האיש אליין האט געדינט עבודה זרה? ניין. ער וואלט אפילו נישט געטראכט פון עבודה זרה. איר דארפט וויסן אז ער איז געווען א איד. און אויב איר טרעפט אמאל אויסדריקן וואס ווערן צוגעשטעלט אויף אים וואס זענען אויס צו צייגן אנדערש, קען דאס זיין צוליב די שפעטערע שרייבערס וואס האבן אריינגעלייגט זאכן אין זיין מויל ווי גלייך ער האט עס געזאגט. אבער ס׳איז נישט מסתבר אז ער האט עס געזאגט. ניין, ס׳איז נישט לאגיש אז דאס זענען זיינע ווערטער. ווייל מיר ווייסן אז ער איז געווען א איד. ער האט געזאגט אז אויב איינער זאל זיך קעגנשטעלן אפילו צו א פינטל אדער א צייכן פון וואס עס שטייט אין די תורה — דאס מיינט אפילו א יוד אדער א תג — דער מענטש האט נישט קיין ארט אויף דער וועלט.

ס׳איז נאר אז ער האט זיך קעגנגעשטעלט די חכמי התורה. און דאס ווייסן מיר. מיר ווייסן אז ער האט זיך קעגנשטעלט די חכמים און ער האט פראבירט אנצורייצן אויך אנדערע מענטשן צו דעם. און דאס איז א געפערליכע עבירה, א שרעקליכע זינד. בלויז צוליב דעם האט ער פארלוירן דאס רעכט צו לעבן. דאס איז פארוואס מיר רופן אים אן א מסית.